בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

גליון קנ"ח

פרשת בהעלותך (כאר"י שלח)
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### - קְלֵיינִיקֵייטְן -

### דִי מַעֲשֶׂה פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ מִיט דִי פַּאסְטוּכֶער

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אִין פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא (בְּרֵאשִׁית כט) דִי גַאנְצֶע הִשְׁתַּלְשְׁלוּת וִוי אַזוֹי יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעטְרָאפְן זַיין שִׁידוּךְ בַּיים בְּרוּנֶעם. יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ בְּרוּנֶעם אִין פֶעלְד און גֶעזֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אַרוּם דֶעם בְּרוּנֶעם שְׁטֵייֶען דְרֵיי פַּאסְטוּכֶער מִיט זֵייעֶרֶע שָׁאף, אָבֶער זֵיי שֶׁעפְּן נִישְׁט קַיין וַואסֶער. יַעֲקֹב הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט: 'וָואס גֵייט דָא פָאר? פַארְוָואס שְׁטֵייֶען דִי פַּאסְטוּכֶער לֵיידִיג? דָא אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין פְּלַאץ וואוּ מֶען רוּט זִיךְ סְתַּם אָפּ, מֶען דַארְף שֶׁעפְּן וַואסֶער, אָנְטְרִינְקֶען דִי שָׁאף און גֵיין וַוייטֶער פַּאשֶׁען!' עֶר אִיז אַזוֹי גֶעשְׁטַאנֶען אַ לֶענְגֶערֶע צַייט, און צוּבִּיסְלֶעךְ זֶענֶען אַלְץ צוּגֶעקוּמֶען מֶער און מֶער פַּאסְטוּכֶער וָואס הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי זַייט נֶעבְּן דֶעם בְּרוּנֶעם.

יַעֲקֹב אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פַּאסְטוּכֶער און זֵיי גֶעפְרֶעגְט: **"עֶס אִיז דָאךְ נָאךְ אִינְמִיטְן טָאג, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דִי צַייט אַיינְצוּזַאמְלֶען דִי בְּהֵמוֹת; פַארְוָואס טְרִינְקְט אִיר נִישְׁט אָן דִי שָׁאף און גֵייט וַוייטֶער?"** הָאבְּן דִי פַּאסְטוּכֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"מִיר קֶענֶען נִישְׁט אָנְטְרִינְקֶען; אוֹיפְן עֶפֶענוּנְג פוּנֶעם בְּרוּנֶעם לִיגְט אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטֵיין, מִיר מוּזְן וַוארְטְן בִּיז אַלֶע פַּאסְטוּכֶער וֶועלְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען, כְּדֵי מִיר זָאלְן אִינְאֵיינֶעם הָאבְּן דִי כֹּחוֹת עֶס אַרָאפְּצוּנֶעמֶען".**

אִינְמִיטְן אִיז רָחֵל אָנְגֶעקוּמֶען מִיט דִי שָׁאף פוּן אִיר טַאטֶע לָבָן. וֶוען יַעֲקֹב הָאט גֶעזֶען רָחֵל, אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם בְּרוּנֶעם, אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם שְׁוֶוערְן שְׁטֵיין מִיט זַיין קְלֵיינֶע פִינְגֶער, און עֶס אַרָאפְּגֶעקוֹילֶערְט פוּנֶעם בְּרוּנֶעם אַזוֹי וִוי מֶען נֶעמְט אַרָאפּ אַ קְלֵיין דֶעקְל פוּן אַ פְלַאשׁ.

### אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט

וָואס וִויל דִי תּוֹרָה אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי מַעֲשֶׂה? אוֹיבּ אִיז דָאס בְּלוֹיז אַ מוֹפֵת פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, אִיז שְׁוֶוער: פַארְוָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט אַז יַעֲקֹב זָאל בִּכְלַל אָנְרִירְן דֶעם שְׁטֵיין מִיט זַיין הַאנְט? עֶר וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט דוּרְכְגֵיין נֶעבְּן דֶעם שְׁטֵיין, גֶעבְּן אֵיין בְּלָאז מִיטְן מוֹיל און דֶער שְׁטֵיין זָאל אַרָאפְּפְלִיעֶן. עֶס מוּז זַיין אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַ לִימוּד וָואס מִיר דַארְפְן עֶפֶּעס אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶערְפוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: וֶוער עֶס וִויל מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, מֶעג מְחַדֵּשׁ זַיין און דַרְשְׁנֶ'עןוָואס עֶר וִויל, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יִרְמְיָהוּ כג, כט): **"וּכְפַטִּישׁ יְפֹצֵץ סָלַע"**, אַזוֹי וִוי וֶוען אַ הַאמֶער קְלַאפְּט אוֹיף אַ שְׁטֵיין, שְׁפְּרִיצְט גָאר אַסַאךְ פוּנְקֶען, דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוֹיף יֶעדֶעס וָוארְט קֶען מֶען זָאגְן אַסַאךְ פְּשָׁטִים; אָבֶער עֶס דַארְף זַיין מִיטְן תְּנַאי אַז דִי וֶוערְטֶער זָאלְן בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל נִישְׁט מְחַדֵּשׁ זַיין נֵייעֶ הֲלָכוֹת אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסז).

מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען מֶען זָאגְן אַזוֹי: דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ע, ז) אַז דֶער 'שְׁטֵיין' וַוייזְט אוֹיפְן יֵצֶר הָרָע; דֶער יֵצֶר הָרָע לִיגְט אוֹיפְן בְּרוּנֶעם - דָאס מֵיינְט אוֹיפְן מוֹיל און אוֹיפְן הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ - און עֶר הַאלְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּאֱמֶת הָאט אַ מֶענְטְשׁ דֶעם כֹּחַ אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דֶעם שְׁטֵיין און וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, נָאר דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְיוּאָשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וַוייל מֶען וִויל גְלַייךְ טוּן שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, מֶען זוּכְט נָאר שְׁלֵימוּת. אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: 'אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּנֶעמֶען דֶעם שְׁטֵיין פוּן מַיין הַארְץ און אִיךְ וֶועל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵמוּת', און צוּלִיבּ דֶעם טוּט עֶר לְמַעֲשֶׂה גָארְנִישְׁט.

אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִימוּד: **"מְעַט גַּם כֵּן טוֹב"**, אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט; וַוארְט נִישְׁט בִּיז דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען צוּזַאמְנֶעמֶען און טוּן גָאר אַסַאךְ, נָאר טוּ יֶעצְט דָאס בִּיסְל וָואס דוּ קֶענְסְט יָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט: **"וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן דִי וֶוערְטֶער אַז אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ**

**גוּט, און דִי וֶוערְטֶער הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלֵייסִיג".**

דָאס הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי פַּאסְטוּכֶער: אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי אַז אִיר ווִילְט וַוארְטְן בִּיז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם וֶועט זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען און מֶען וֶועט אוֹיף אֵיין מָאל אַרָאפְּנֶעמֶען דֶעם שְׁטֵיין פוּנֶעם בְּרוּנֶעם; אִיר ווִילְט וַוארְטְן בִּיז אִיר וֶועט זִיךְ קֶענֶען צוּזַאמְנֶעמֶען מִיט אַלֶע כֹּחוֹת און וֶוערְן בִּשְׁלֵמוּת אָן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט דֶער רִיכְטִיגֶער מַהֲלָךְ. עֶנְדֶערְשׁ שְׁטֶעקְט כָאטְשׁ אַרֵיין דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער צוּם שְׁטֵיין, הֵייבְּט אָן אֲפִילוּ מִיט קְלֵיינִיקֵייטְן, און דָאס וֶועט שׁוֹין צוּבְּרֶענְגֶען מֶען זָאל קֶענֶען אַרָאפְּנֶעמֶען דֶעם גַאנְצְן שְׁטֵיין און מֶען וֶועט קֶענֶען אָנְהֵייבְּן שֶׁעפְּן וַואסֶער.

אוֹיבּ מֶען ווֵייסְט דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן קְלֵיינִיקֵייטְן - פוּן אַבִּיסְל תּוֹרָה, אַבִּיסְל צְדָקָה, אַבִּיסְל שְׁמִירַת עֵינַיִם, און אַבִּיסְל שִׂמְחָה - טוּט מֶען אַבִּיסְל, מִיט נָאךְ אַבִּיסְל, און נָאךְ אַבִּיסְל, און אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַסַאךְ.

### אוֹיפְזוּכְן דִי קְלֵיינֶע גוּטֶע פִּינְטְלֶעךְ בַּיי דִי קִינְדֶער

דֶער לִימּוּד אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע און ווִיכְטִיגֶע יְסוֹד פַאר מְחַנְּכִים ווִי אַזוֹי צוּ קוּקְן אוֹיף דִי קִינְדֶער.

דֶער נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּ עֶרְוַוארְטְן שְׁלֵימוּת; מֶען ווִיל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיף אֵיין מָאל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן גוּט, אָבֶער יַעֲקֹב אָבִינוּ לֶערְנְט אוּנְז: הֵייבּ אָן מִיט קְלֵיינִיקֵייטְן, און צוּם סוֹף וֶועט וֶוערְן גְרוֹיסֶע זַאכְן.

מְחַנְּכִים דַארְפְן אוֹיפְזוּכְן דִי 'קְלֵיינֶע גוּטֶע פִּינְטְלֶעךְ' בַּיי דִי קִינְדֶער, און מַאכְן דֶערְפוּן אַ גַאנְצֶע עֵסֶק. צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אוֹיבּ מֶען הָאט בַּאמֶערְקְט אוֹיף אַ קִינְד וַואס דַאוֶוענְט נַאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, ווִי עֶר הָאט גֶעמִישְׁט דִי בְּלֶעטֶער פוּנֶעם סִידּוּר און מִיט גֶעזָאגְט עֶטְלִיכֶע ווֶערְטֶער פוּנֶעם דַאוֶוענֶען, דַארְף מֶען אוֹיסְלוֹיבְּן דָאס קִינְד: **"וַואוּ, קוּק ווִי שֵׁיין עֶר דַאוֶוענְט!"** אָדֶער אוֹיבּ מֶען זֶעט ווִי דָאס קִינְד הָאט אַיינְגֶעטְרֶערְטְן פַאר שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה און אוֹיסְגֶעטְרֶערְטְן נָאךְ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, דַארְף מֶען מַאכְן אַ גַאנְצֶע עֵסֶק דֶערְפוּן: **"קוּק ווִי שֵׁיין עֶר טְרֶעט אַיין פַאר שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה און טְרֶעט אוֹיס נָאךְ שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה!"**

אַנְשְׁטָאט צוּ זוּכְן וֶועלְכֶער קִינְד קוּקְט אַרוֹיס בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה וְכַדּוֹמֶה, זָאל מֶען זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן - אֲפִילוּ אוֹיף קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶעךְ - וַואס דִי קִינְדֶער טוּעֶן, און דָאס וֶועט שׁוֹין צוּפִירְן אַז דָאס קִינְד זָאל טַאקֶע אָנְהֵייבְּן דַאוֶוענֶען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

### אַ וֶועג אוֹיסְצוּלוֹיטֶערְן אַ מֶענְטְשׁ

מְחַנְּכִים דַארְפְן ווִיסְן: לוֹיט ווִי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף אַ קִינְד, און מִיט וַואס מֶען לוֹיבְּט אִים אוֹיס, אַזוֹי וֶועט דָאס קִינְד וֶוערְן.

עֶס אִיז דָא אַ פָּסוּק אִין מִשְׁלֵי (כז, כא): **"מַצְרֵף לַכֶּסֶף, וְכוּר לַזָּהָב"**. דָאס מֵיינְט: כְּדֵי צוּ קֶענֶען פֶּעסְטְשְׁטֶעלְן דִי רֵיינְקֵייט פוּן זִילְבֶּער, דַארְף מֶען עֶס אַרֵיינְלֵייגְן אִין אַ כְּלִי וַואס הֵייסְט 'מַצְרֵף', וַואס קָאכְט אוֹיף דָאס זִילְבֶּער, און דוּרְךְ דֶעם פַאלְט אַוֶועק דֶער אָפְּפַאל און מֶען קֶען זֶען אוֹיבּ דָאס זִילְבֶּער אִיז רֵיין. אַזוֹי אוֹיךְ, כְּדֵי צוּ קֶענֶען פֶּעסְטְשְׁטֶעלְן דִי רֵיינְקֵייט פוּן גָאלְד, דַארְף מֶען עֶס אַרֵיינְלֵייגְן אִין אַ כְּלִי וַואס הֵייסְט 'כּוּר', וַואס קָאכְט אוֹיף דָאס גָאלְד, און דוּרְךְ דֶעם קֶען מֶען זֶען אוֹיבּ דָאס גָאלְד אִיז רֵיין.

דֶער פָּסוּק פִּירְט אוֹיס: **"וְאִישׁ לְפִי מַהֲלָלוֹ"**. בְּפַשְׁטוּת מֵיינְט עֶס: דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ בַּיי אַ מֶענְטְשׁ; ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וַואס עֶר אִיז בֶּאֱמֶת? פוּנְדְרוֹיסְן קֶען מֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַ שֵׁיינֶע רֶעקְל און אַ הוּט, אָדֶער מִיט אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד, אָבֶער דָאס ווֵייזְט נַאכְנִישְׁט וַואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בֶּאֱמֶת. כְּדֵי צוּ קֶענֶען פֶּעסְטְשְׁטֶעלְן דֶעם אִינֶערְלִיכְן מַהוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דַארְף מֶען זִיךְ צוּהֶערְן ווִי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן לוֹיבְּן אִים אוֹיס, און מִיט וַואס מֶען לוֹיבְּט אִים אוֹיס.

אָבֶער עֶס קֶען זַיין פְּשַׁט: פּוּנְקְט ווִי עֶס אִיז דָא אַ כְּלִי אוֹיסְצוּלוֹיטֶערְן זִילְבֶּער און אַ כְּלִי אוֹיסְצוּלוֹיטֶערְן גָאלְד; וֶוען מִיר זֶעעֶן אַ שֵׁיינֶע פַּארְטִיגֶע זִילְבֶּערְנֶע שְׁטִיק, ווִי לְמָשָׁל אַ שֵׁיינֶע מְנוֹרָה אָדֶער אַ בֶּעכֶער, מוּז זַיין אַז מֶען הָאט דָאס אוֹיסְגֶעלוֹיטֶערְט מִיט דֶעם כְּלִי וַואס הָאט אָפְּגֶעטֵיילְט דָאס זִילְבֶּער פוּן אִיר שְׁמוּץ. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז דָא אַ מִיטְל אוֹיסְצוּלוֹיטֶערְן אַ מֶענְטְשׁ און אִים מַאכְן לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען און זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גוּטֶע מִדּוֹת. ווִי אַזוֹי? 'וְאִישׁ לְפִי מַהֲלָלוֹ' - דוּרְךְ דֶעם וַואס דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף זַיינֶע מַעֲלוֹת און מִיט דֶעם אִים אוֹיסְלוֹיבְּן און מוּטִיגְן. דוּ וֶועסְט אִים טָאג און נַאכְט זָאגְן: **"דוּ בִּיסְט אַ גוּט קִינְד!" "דוּ בִּיסְט אַ טַייעֶר קִינְד!" "דוּ קֶענְסְט עֶס בַּאוַויְיזְן!"** דָאס וֶועט צוּבְּרֶענְגֶען אַז דָאס קִינְד זָאל טַאקֶע אוֹיסְוַואקְסְן גוּט, טַייעֶר, עֶרְלִיךְ און וואויל.

### אַז דוּ זֶעסְט עֶפֶּעס - רוּף דִיךְ אָן

עֶס אִיז דָא אַ בַּאקַאנְטֶע אוֹיסְדְרוּק אִין דִי וֶועלְט: **"אַז דוּ זֶעסְט עֶפֶּעס - רוּף דִיךְ אָן"**, דָאס מֵיינְט, אוֹיבּ מֶען זֶעט עֶפֶּעס פַּארְדֶעכְטִיגְט, זָאל מֶען נִישְׁט שְׁוַויְיגְן, נָאר גְלַייךְ מֶעלְדְן פַאר דִי פָּאלִיצַיי. דָאס קֶען מֶען אוֹיךְ נִיצְן אִין חִינוּךְ; 'אַז דוּ זֶעסְט עֶפֶּעס' - אוֹיבּ אַ מְחַנֵּךְ שְׁטֵייט נֶעבְּן זַיין מְנַהֵל און עֶר זֶעט ווִי אַ קִינְד גֵייט דָארְט אַרִיבֶּער, 'רוּף דִיךְ אָן' - גֶעבּ אַ גְלֶעט פַארְן קִינְד און זָאג פַארְן מְנַהֵל אַ גוּט וַוארְט אוֹיפְן קִינְד, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: **"עֶר אִיז אַזַא צַדִּיק"**, **"עֶר הָאט אַ גוּט הָארְץ"**, אָדֶער **"עֶר גֶעבְּט אַלֶעמָאל נָאךְ פַאר אַנְדֶערֶע"**, און דֶערְצֵיילְ פַארְן מְנַהֵל אַ מַעֲשֶׂה וַואס דָאס קִינְד הָאט טַאקֶע נָאכְגֶעגֶעבְּן וְכַדּוֹמֶה, דָאס וֶועט מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל טַאקֶע אָנְהֵייבְּן נָאכְצוּגֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע.

### אַ גוּטֶע חִינוּךְ אָן אַרָאפְּקוּקְן דִי קִינְדֶער

אַוַודַאי דַארְף מֶען אַוֶועקְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטַארְקֶע דִיסְצִיפְּלִין אִין כִּתָּה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אִינְמִיטְן פַּארְלֶערְנֶען, אוֹיסֶער אוֹיבּ מֶען הֵייבְּט אוֹיף דִי הַאנְט און מֶען בַּאקוּמְט רְשׁוּת צוּ רֶעדְן, און מֶען דַארְף פַּארְלַאנְגֶען פוּן דִי קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען און צוּ דַאוֶוענֶען וְכוּ', אָבֶער מֶען דַארְף

אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרָאפְּצוּקוּקְן דִי קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ נָאכְנִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אוֹיבּ מֶען קוּקְט אוֹיף אַ קִינְד מִיט אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג, אוּן מֶען הַאלְט אִין הַארְץ אַז דָאס קִינְד אִיז אַ פוֹיעֶר, אַ גָארְנִישְׁט, אַ פוֹילֶער וְכַדּוֹמֶה, אוּן זִיכֶער אוֹיבּ מֶען הַאלְט אִים אִין אֵיין אַרָאפְּקְלַאפְּן זָאגְנְדִיג: **"דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט ווֶערְד"** - ווֶעט דָאס קִינְד טַאקֶע אוֹיסְוַואקְסְן אַ גָארְנִישְׁט.

### הִיטְן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי קִינְדֶער

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין אַ שׁוּלֶע, וָואס קֶען דִינֶען אַלְס אַ בֵּיישְׁפִּיל וִוי אַזוֹי מְחַנֵּךְ צוּ זַיין קִינְדֶער אָן זֵיי אַרָאפְּקְלַאפְּן:

אַ מַאמֶע הָאט אָנְגֶערוּפְן אַ לֶערֶערִין דֶערְצֵיילְן אַז אִיר טָאכְטֶער קוּמְט יֶעדֶע פָּאר טֶעג אַהֵיים פוּן שׁוּלֶע ווֵיינֶענְדִיג אַז אֵיינֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען עֶסְן פוּן אִיר טַאשְׁקֶע. דִי לֶערֶערִין הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְנַהֶלֶת, אוּן דִי מְנַהֶלֶת אִיז גֶעגַאנְגֶען קוּקְן אִין דִי קָאמֶערֶע פוּן דִי כִּתָּה, אוּן זִי הָאט גֶעזֶען וִוי אַ קִינְד נֶעמְט טַאקֶע אַרוֹיס עֶסְן פוּן יֶענֶעמְ'ס טַאשְׁקֶע.

דִי מְנַהֶלֶת הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: אוֹיבּ אִיךְ ווֶעל דֶערְצֵיילְן פַאר דִי לֶערֶערִין ווֶעלְכֶע קִינְד הָאט גֶע'גַנְבְ'עט, קֶען גֶעשֶׁען אַז דִי לֶערֶערִין ווֶעט אוֹיפְהֶערְן צוּ הַאלְטְן פוּנֶעם קִינְד; זִי ווֶעט אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס: 'דוּ מַאכְסְט זִיךְ אַ פָּנִים וִוי דוּ בִּיסְט ווָאויל אוּן דוּ דַאווֶענְסְט שֵׁיין, בְּשַׁעַת דוּ בִּיסְט אַ גַנְב!' אוּן אֵיינְמָאל אַ מְחַנֵּךְ אָדֶער אַ מְחַנֶּכֶת הַאלְט נִישְׁט פוּן אַ קִינְד, קֶען דָאס קִינְד מֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין בַּיי דֶעם מְחַנֵּךְ.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט - הָאט דִי מְנַהֶלֶת גֶעטְרַאכְט - זָאגְן פַארְן קִינְד דֶעם אֱמֶת אַז **"אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף דִי קָאמֶערֶע וִוי דוּ גַנְבְ'עֶסְט"**, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט כְּדַאי, ווַייל דָאס קִינְד ווֶעט זִיךְ דֶערְנָאךְ שֶׁעמֶען פוּן מִיר אַ גַאנְץ לֶעבְּן. זִי הַאלְט דָאךְ יֶעצְט בַּיים אָנְהֵייבּ פוּן אִיר לֶעבְּן אוּן זִי הָאט נָאךְ פִילֶע יָארְן פַאר זִיךְ, פַארְווָאס זָאל זִי אַ גַאנְץ לֶעבְּן גֶעדֶענְקֶען אַז אֵיינֶער ווֵייסְט אוֹיף אִיר עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס וָואס זִי הָאט גֶעטוּן? דָאס קֶען אִיר דָאךְ אַוֶועקְנֶעמֶען דֶעם חֵשֶׁק פוּן ווֶעלְן זַיין גוּט.

דִי מְנַהֶלֶת הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל אוֹיפְקוּמֶען מִיט אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דָאס קִינְד פוּן גַנְבְ'עֶנֶען, אָן אִיר פַארְשֶׁעמֶען אָדֶער דֶערְנִידֶערְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אוּן עֶס אִיז אִיר בֵּייגֶעפַאלְן אַ גוּטֶע מַהֲלָךְ. זִי הָאט אַרַיינְגֶערוּפְן דָאס קִינְד אִין אָפִּיס אוּן אִיר גֶעפְרֶעגְט: **"דוּ ווֵייסְט אֶפְשָׁר ווֶער פוּן דַיין כִּתָּה הָאט גֶענוּמֶען עֶסְן פוּן אַ צְווֵייטְנְ'ס טַאשְׁקֶע?"** דָאס קִינְד הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אִיךְ ווֵייס נִישְׁט"**, הָאט דִי מְנַהֶלֶת זִיךְ אָנְגֶערוּפְן כְּאִילּוּ זִי רֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיין: **"אַ שָׁאד אַז אַ קִינְד זָאל גֵיין גַנְבְ'עֶנֶען פוּן אַ צְווֵייטְן... ווֶער עֶס פַארְגֶעסְט אַמָאל צוּ בְּרֶענְגֶען עֶסְן פוּנְדֶערְהֵיים, קֶען מֶען דָאךְ קוּמֶען בֶּעטְן אִין אָפִּיס; מִיר הָאבְּן דָא נַאשׁ פַאר ווֶער עֶס הָאט נִישְׁט".**

דִי מְנַהֶלֶת הָאט אוֹיךְ גֶעווָאלְט אַז דָאס קִינְד זָאל עֶס נִישְׁט טוּן נָאכְאַמָאל, הָאט זִי ווַייטֶער גֶעזָאגְט וִוי צוּ זִיךְ אַלֵיין: **"מִיר הָאבְּן אִין אַלֶע כִּיתּוֹת קָאמֶערֶעס וָואס מֶען קֶען דָארְט אַלֶעס נָאכְקוּקְן; אִיךְ טְרַאכְט צִי אִיךְ זָאל בֶּעטְן פוּנֶעם מֶענֶעדְזְשֶׁער צוּ קוּקְן ווֶער עֶס אִיז גֶעווֶען, אָבֶּער אִיךְ מֵיין אַז עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס, ווַייל אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר ווָאוֹיל אוּן קֵיינֶער גַנְבְ'עֶט נִישְׁט; מִן הַסְתָּם אִיז דָאס עֶסְן פָּשׁוּט אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּן אִיר טַאשְׁקֶע".**

דֶערְנָאךְ אִיז דִי מְנַהֶלֶת אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין כִּתָּה אוּן גֶערֶעדְט בִּכְלָלִיּוּת צוּ דִי גַאנְצֶע כִּתָּה אִיבֶּער דִי הַארְבְּקַייט פוּן גַנְבְ'עֶנֶען, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט, אֲפִילוּ בְּאַהַאלְטֶענֶערְהֵייט.

אַזוֹי הָאט דִי מְנַהֶלֶת אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דָאס קִינְד פוּן ווַייטֶער גַנְבְ'עֶנֶען אוֹיף אַן אוֹפְן וָואס דָאס קִינְד אִיז נִישְׁט גֶעווָארְן פַארְשֶׁעמְט, אוּן אֲפִילוּ דִי לֶערֶערִין אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעווָאוִיר גֶעווָארְן ווֶער דָאס קִינְד אִיז.

אוֹיבּ מִיר ווֶעלְן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער רִיכְטִיג, אוֹיפְן ווֶעג וָואס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, צוּ קוּקְן אוֹיף דִי קְלֵיינֶע גוּטֶע פִּינְטֶעלֶעךְ פוּן דִי קִינְדֶער, ווֶעלְן זֵיי צוּם סוֹף אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

## בְּרִיוון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### גֶעבְּן סְתָּם אַ נָאמֶען וָואס מֶען הָאט לִיבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׁ'כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעווֶען צוּ בַּאקוּמֶען צוּם זֶעקְסְטְן מָאל אַ פִּקָּדוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ טֵייעֶר לִיכְטִיג אִינְגֶעלֶע, בָּרוּךְ ה'. דָאס אִיז גֶעקוּמֶען בַּאגְלֵייט מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת, מִיט אַסַאךְ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה. שְׁ'כֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי לִימוּדִים אוּן עֵצוֹת, פַאר דִי זִיסֶע לֶעבְּן, וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן שִׁיעוּרִים אוּן דִי בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעווָאלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען קֶען אַ נָאמֶען פַארְ'ן קִינְד סְתָּם אַ נָאמֶען וָואס דִי מַאמֶע הָאט לִיבּ, אָדֶער זָאל מֶען נָאר אַ נָאמֶען גֶעבְּן נָאךְ אַ צַדִּיק אָדֶער אַ זֵיידֶע?

יִישַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ח כִּסְלֵיו, ד' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו**

**לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**מַזָּל טוֹב פַאר דַיין נַייעֶ גֶעבּוֹירֶענֶע**

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִינְגֶל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַאכְן דִי בְּרִית אִין צַייט אוּן אִים מְגַדֵּל זַיין לַתּוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

גִיבּ אַ נָאמֶען אָדֶער נָאךְ אַ צַדִּיק אָדֶער נָאךְ אַ זֵיידֶע וָואס אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, גִיבּ נִישְׁט אַבִּי אַ נָאמֶען, ווייל אַז מֶען גִיבְּט אַ נָאמֶען נָאךְ אַ צַדִּיק אָדֶער נָאךְ אַ זֵיידֶע אָדֶער בַּאבֶּע וָואס הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וֶועט דָאס הֶעלְפְן פַארְן קִינְד. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (סֵפֶר נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר), אַז אַ נָאמֶען נָאךְ אַ צַדִּיק הֶעלְפְט – "שֶׁיִּהְיֶה גַּם כֵּן צַדִּיק", אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק, "מֵחֲמַת שֶׁנִּתְעוֹרֵר הָאוֹר שֶׁל הַצַּדִּיק שֶׁהוּא בָּעוֹלָם הָעֶלְיוֹן", דָאס וֶועקְט אוֹיף דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם צַדִּיק אוֹיבְן אִין הִימְל.

יֶעדֶע נָאמֶען קֶען מֶען מַאכְן עֶס זָאל זִיךְ הֶערְן מִיט אַ זִיסְקֵייט אוּן אַ גֶעשְׁמַאק, מֶען קֶען רוּפְן דֶעם קִינְד אוֹיף אַ וֶועג אַז דִי מַאמֶע זָאל לִיבּ הָאבְּן דֶעם נָאמֶען; מִיט שֵׁיין רֶעדְן צוּ דִי ווייבּ וֶועסְטוּ אִיר קֶענֶען אִיבֶּערְרֶעדְן יָא צוּ גֶעבְּן נֶעמֶען פַאר דִי קִינְדֶער נָאךְ צַדִּיקִים, אָדֶער נָאךְ זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוּן דָאס וֶועט מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויגש, שנת תשפ"ו)

## שְׁטְרָאפְן אַ קִינְד מִיטְן נִישְׁט גֶעבְּן רִיסֶעס?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אוֹיבּ אַ קִינְד שְׁרַייבְּט אַן בֶּעט גֶעוַואנְט מִיט אַ מַארְקֶער, אוּן אִיךְ ווִיל אִים בַּאשְׁטְרָאפְן מִיט נִישְׁט גֶעבְּן אַ רִיסֶעס דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס אִיז רִיכְטִיג צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן אַ קִינְד וָואס הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן בֶּעט גֶעוַואנְט מִיטְ'ן אִים נִישְׁט גֶעבְּן רִיסֶעס?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ה' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

מֶען דַארְף עֶנְדֶערְשׁ אַרוֹיס טְרָאגְן פוּן שְׁטוּבּ דִי מַארְקֶערְס אָדֶער דָאס לֵייגְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קִינְדֶער קֶענֶען דָאס נִישְׁט נֶעמֶען, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף בֶּעט גֶעוַואנְט אוּן אוֹיף דִי וֶוענְט וְכוּ'.

אַוֶועק נֶעמֶען דִי רִיסֶעס אִיז נִישְׁט קֵיין זַאךְ וָואס מֶען קָען'עט, אַזוֹי ווִי מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען דִי פְּרִישְׁטָאג אוּן דִי נַאכְטְמָאל; מֶען דַארְף לֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז אוֹיף וֶוענְט אוּן אוֹיף בֶּעט גֶעוַואנְט שְׁרַייבְּט מֶען נִישְׁט, מֶען דַארְף זֵיי לֶערְנֶען שְׁרַייבְּן אוֹיף פַּאפִּיר, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס גֵייט נִישְׁט מִיט אֵיין מָאל זָאגְן, דָאס זָאגְט מֶען אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער עִיקָר דַארְפְן עֶלְטֶערְן מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן וַואקְסְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג. מוֹהֲרַ"אשׁ דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חֶפֶץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֶפֶץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלַאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְּלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיסְוֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; דֶערְפַאר זָאלְט אִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דֶער וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת תרומה, שנת תשפ"ו)


חִינוּךְ אַפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -





קוֹל בּרסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעססעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876